בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן
# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ
אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת און הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים און מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת אחרי קדושים
שנת תשפ"ו

גליון
קנ"ב

## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### - פְּרָאגְרַאמֶען -

### דֶער צִיל פוּן אַ פְּרָאגְרַאם

וֶוען מֶען פִירְט אַיין אַ פְּרָאגְרַאם אִין כִּתָּה צוּ בַּאלוֹינֶען קִינְדֶער וָואס פִירְן זִיךְ אוֹיף גוּט, דַארְף דֶער פְּרָאגְרַאם זַיין גֶעצִילְט סְפֶּעצִיעֶל פַאר דִי קִינְדֶער וָואס הָאבְּן שְׁוֶועֶרֶע נַאטוּרְן. דֶער פְּרָאגְרַאם דַארְף זֵיי מְחַזֵּק זַיין אִיבֶּערְצוּקוּמֶען זֵייעֶרֶע שְׁוֶועֶרֶע מִדּוֹת און זִיךְ אוֹיפְצוּפִירְן וואויל; אַנְשְׁטָאט מֶען זָאל זֵיי אַ גַאנְצְן טָאג קַנְסְ'עֶנֶען און פָארְהַאלְטְן פַארְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְפִירְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, זָאל מֶען זֵיי אוֹיפְבּוֹיעֶן פַאר דָאס גוּטְס וָואס זֵיי טוּעֶן, און זֵיי דֶערְפַאר בַּאלוֹינֶען און אוֹיסְלוֹיבְּן.

עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם סִיבָּה צוּ מַאכְן סְפֶּעצִיעֶלֶע פְּרָאגְרַאמֶען פַאר קִינְדֶער וָואס זֶענֶען שׁוֹין מִמֵּילָא וואויל, וַוייל זֵיי וֶועלְן סֵיי וִוי וַוייטֶער זַיין גוּט אֲפִילוּ אָן דֶעם.

דֶערְפַאר, וֶוען מְחַנְּכִים מַאכְן אַ פְּרָאגְרַאם צוּ בַּאלוֹינֶען דִי קִינְדֶער וָואס קְרִיגְן זִיךְ נִישְׁט אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן, דַארְף מֶען בְּעִיקָר הַאלְטְן אַן אוֹיג אוֹיף דִי קִינְדֶער וָואס הָאבְּן אַ נַאטוּר צוּ טְשֶׁעפֶּען אַנְדֶערֶע, שְׁלָאגְן און בָּאקְסְן; אַז זֵיי זָאלְן בַּאקוּמֶען דִי מֶערְסְטֶע בַּאלוֹינוּנְגֶען, כְּדֵי דָאס זָאל זֵיי הֶעלְפְן זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִיבֶּער זֵייעֶר שְׁוֶועֶרֶע נַאטוּר און אוֹיפְהֶערְן צוּ טְשֶׁעפֶּען. אָבֶּער דִי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען בְּטֶבַע שְׁטִיל און טְשֶׁעפֶּען קֵיינֶעם נִישְׁט, און הָאבְּן אֲפִילוּ נִישְׁט דָאס מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ טְשֶׁעפֶּען אַנְדֶערֶע וַוייל זֵיי הָאבְּן מוֹרָא פוּן זֵייעֶר אֵייגֶענֶעם שָׁאטְן, אִיז נִישְׁט אַזוֹי וִויכְטִיג צוּ בַּאלוֹינֶען, וַוייל זֵיי וֶועלְן זִיךְ סֵיי וִוי נִישְׁט קְרִיגְן אֲפִילוּ אָן דֶעם.

אוֹיבּ מֶען שְׁטֶעלְט אוֹיס אַ פְּרָאגְרַאם צוּ בַּאלוֹינֶען דִי קִינְדֶער וָואס לֶערְנֶען פְלַייסִיג, דַארְף מֶען בְּעִיקָר בַּאלוֹינֶען דִי קִינְדֶער וָואס מוּטְשֶׁען זִיךְ בַּיים לֶערְנֶען און קוּקְן אוֹיף דִי גְמָרָא וִוי דֶער הָאן אִין בְּנֵי אָדָם... כְּדֵי אַרַיינְצוּגֶעבְּן אִין זֵיי אַ חֵשֶׁק צוּם לֶערְנֶען. ווִידֶער דִי קִינְדֶער מִיט דִי שַׁארְפֶע און אָפֶענֶע קֶעפּ וָואס כַאפְּן אוֹיף גְרִינְגֶערְהֵייט אַלֶע לִימוּדִים, דַארְפְן נִישְׁט אַזוֹיפִיל חִיזוּק, וַוייל זֵיי שְׁפִּירְן דָאךְ אַ גֶעשְׁמַאק אִינֶעם לֶערְנֶען אַלֵיין.

דָאס זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען מֶען טֵיילְט אוֹיס טִיקֶעטְס בַּיים דַאוֶונֶען; דֶער צִיל דַארְף זַיין צוּ מַאכְן דַאוֶונֶען דִי קִינְדֶער וָואס דַאוֶונֶען נִישְׁט, נָאר שְׁפִּילְן זִיךְ אַרוּם און זֵייעֶר קָאפּ אִיז עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ. וַוייל בַּיי דִי קִינְדֶער וָואס הָאבְּן בִּכְלַל נִישְׁט קַיין שְׁוֶועריִקְייטְן בַּיים דַאוֶונֶען, מַאכְט עֶס נִישְׁט אוֹיס צִי זֵיי בַּאקוּמֶען טִיקֶעטְס אָדֶער נִישְׁט, זֵיי וֶועלְן סֵיי וִוי דַאוֶונֶען גוּט.

### דִי שְׁוֶועֶרֶע קִינְדֶער פְּלָאגְן זִיךְ פִיל מֶער

מֶען דַארְף אוֹיפְבּוֹיעֶן און גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר אַלֶע קִינְדֶער אִין כִּתָּה. מֶען זָאל זֵיי זָאגְן: **"דוּ דַאוֶונְסְט אַזוֹי שֵׁיין", "דוּ בִּיסְט אַ וואויל קִינְד", "דוּ טְשֶׁעפֶּעסְט נִישְׁט".**

מֶען דַארְף ווִיסְן: קַיין אֵיין קִינְד ווִיל נִישְׁט זַיין שְׁלֶעכְט. אֲפִילוּ דִי קִינְדֶער וָואס שְׁפִּילְן זִיךְ אִינְמִיטְן דַאוֶונֶען, טוּעֶן דָאס נִישְׁט מִיט אַ שְׁלֶעכְטֶע ווִילְן, נָאר בַּיי זֵיי אִין קָאפּ מֵיינֶען זֵיי אַז זֵיי דַאוֶונֶען גֶעהֶערִיג. פִּינְקְט ווִי עֶרְוַואקְסֶענֶע מֶענְטְשְׁן קֶענֶען זִיךְ אַמָאל פַארְטִיפְן אִין אַ גִּלְיוֹן, אָדֶער אֲפִילוּ רֶעדְן אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן אִינְמִיטְן דַאוֶונֶען, טְרַאכְטְנְדִיג בַּיי זִיךְ: 'אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטֶער, אִיךְ טוּ יֶעצְט אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ!' פִּינְקְט אַזוֹי טְרַאכְטְן דִי קִינְדֶער וֶועגְן זֵייעֶרֶע שְׁפִּילֶערַייעֶן; זֵייעֶרֶע שְׁפִּילְצֵייג זֶענֶען בַּיי זֵיי פִּינְקְט אַזוֹי ווִיכְטִיג ווִי אוּנְזֶערֶע 'ווִיכְטִיגֶע זַאכְן' זֶענֶען פַאר אוּנְז אִינְמִיטְן דַאוֶונֶען. דֶערְפַאר דַארְף מֶען קוּקְן אוֹיף זֵיי מִיט אַ גוּט אוֹיג און זֵיי אַסַאךְ אוֹיסְלוֹיבְּן און בַּאלוֹינֶען, כְּדֵי זֵיי זָאלְן בַּאקוּמֶען אַ חֵשֶׁק צוּ דַאוֶונֶען.

דִי רוּאִיגֶע קִינְדֶער מִיט דִי גְרִינְגֶע נַאטוּרְן זֶענֶען גְרֵייט צוּ זִיצְן אוֹיפְן פְּלַאץ אֲפִילוּ צֶען שָׁעָה אִין אַ צִי אוֹיבּ מֶען וֶועט זֵיי הֵייסְן, און עֶס וֶועט זֵיי נִישְׁט אָנְקוּמֶען אַזוֹי שְׁוֶוער. אוֹיבּ אַזוֹי, פַארְוָואס זָאל מֶען זֵיי גֶעבְּן אַ גַאנְצֶע הוֹיפְן טִיקֶעטְס, אַסַאךְ בַּאלוֹינוּנְגֶען און גוּטֶע וֶוערְטֶער, בְּשַׁעַת דִי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער - וָואס פְּלָאגְן זִיךְ אוֹיף יֶעדֶע טְרִיט און שְׁרִיט וַוייל זֵייעֶר בְּלוּט קָאכְט אִין זֵיי, און עֶס קוּמְט זֵיי אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער אַיינְצוּזִיצְן אִין כִּתָּה און זִיךְ נִישְׁט צוּ קְרִיגְן - בַּאקוּמֶען גָארְנִישְׁט?!

ווִיפִיל מָאל מִיר זֶעעֶן דִי קִינְדֶער מִיט דִי שְׁוֶועֶרֶע נַאטוּרְן דוּרְכְפַאלְן אִין זֵייעֶרֶע נִסְיוֹנוֹת, הָאבְּן מִיר נִישְׁט קַיין אַנוּנְג ווִיפִיל מָאל זֵיי הָאבְּן זִיךְ יָא גֶעשְׁטַארְקְט צוּ זַיין גוּט.

מֶען טָאר נִישְׁט קוּמֶען צוּ דִי קִינְדֶער

מיטן ציל זיי צו ווייזן אז 'איך בין דא דער בעל הבית, און נאר די קינדער וואס וועלן זיך אינגאנצן צושטעלן וועלן באקומען די באלוינונגען און די טיקעטס;' איר ווייסט דאך נישט וואס עס ליגט אין די קינדער'ס מח, ווי שטארק זיי ווילן זיין גוט, נאר עס איז זיי זייער שווער זיך צו שטארקן אויף זייערע שווערע נאטורן. מען דארף זיי העלפן איבערצוקומען זייערע שוועריקייטן דורך דעם וואס מען באלוינט זיי און מען געבט זיי גוטע ווערטער.

## אפשר איז דאס א שמייכל פון שמחה?

מיר זעען אין די הייליגע תורה, ווען דער אייבערשטער האט געזאגט פאר אברהם אבינו אז ער וועט געהאלפן ווערן מיט א קינד, זאגט דער פסוק (בראשית יז, יז): **"ויפל אברהם על פניו ויצחק"**, אברהם איז געפאלן אויף זיין פנים און געלאכט, **"ויאמר בלבו הלבן מאה שנה יולד ואם שרה הבת תשעים שנה תלד"**, ער האט געזאגט אין זיין הארץ: וועט דען געבוירן ווערן א קינד צו מיר ווען איך בין אלט הונדערט יאר, און שרה איז אלט נייַנציג יאר?! אויך ווען שרה האט געהערט אז זי וועט געבוירן א קינד, זאגט דער פסוק (בראשית יח, יב): **"ותצחק שרה בקרבה לאמר אחרי בלתי היתה לי עדנה ואדני זקן"**, שרה האט געלאכט און געזאגט: נאכדעם וואס איך בין שוין אלט, איז דען מעגליך איך זאל נאכאמאל ווערן יונג און האבן קינדער?!

למעשה האט דער אייבערשטער געפרעגט אברהם אבינו (שם, יג): **"למה זה צחקה שרה"**, פארוואס האט שרה געלאכט?! דער אייבערשטער האט נישט פארגעהאלטן אברהם פארוואס ער אליין האט געלאכט.

איז רש"י (שם, יז, יז דבור המתחיל ויפל אברהם) מסביר דעם טעם: ווייל אברהם האט נישט געלאכט אויף אן אופן פון אפלאכן, נאר ער איז פשוט געווען זייער פרייליך און באוואונדערט דעם נס אז ער וועט האבן א קינד אין אזא הויכן עלטער. ווי מען זעט טאקע אינעם תרגום וואס זאגט 'וחדי' - און ער האט זיך געפרייט, אנדערש ווי ביי שרה וואס דער תרגום זאגט 'וחיכת' - און זי האט געלאכט.

מען זעט דא אז אפילו ביידע האבן פון אויבנאויף אויסגעזען ווי זיי לאכן איינ'יג, האט דער אייבערשטער געזען וואס עס טוט זיך טיף אינעם הארץ; ווער עס האט אינזין געהאט זיך צו פרייען, און ווער עס האט געמיינט אפצולאכן.

דאס דארפן מחנכים וויסן: נאר דער אייבערשטער ווייסט וואס א מענטש טראכט ביי זיך אין הארץ, א מענטש קען נישט וויסן וואס עס טוט זיך ביי א צווייטן אין הארץ. דעריבער, ווען מען זעט א קינד לאכט אינמיטן לערנען, טאר מען דאס נישט גלייך אננעמען אלס חוצפה, כאילו דאס קינד וויל אונטער ברענגען דעם מחנך אדער חוזק מאכן פון אים. מען דארף טראכטן: אפשר איז דאס א שמייכל פון שמחה? אפשר האט זיך דאס קינד דערמאנט פון א וויץ? און באמת לאכט ער בכלל נישט אפ, און ער זוכט בכלל נישט אונטער צו ברענגען דעם מחנך.

## א חשבון הנפש פארן אייבערשטן

מען מעג זיין א מחנך נאר אויב מען מאכט זיך יעדן טאג א חשבון הנפש פארן אייבערשטן זיך אומצוגיין ריכטיג מיט די קינדער.

מען דארף יעדן טאג בעטן דעם אייבערשטן: **"הייליגער באשעפער, העלף מיר איך זאל געדענקען אז די קינדער זענען נישט געקומען אהער כדי מיך אונטער צו ברענגען, נאר זיי זענען סך הכל קינדער וואס זענען פארשפילט; זיי שמייכלען און פאלגן נישט גלייך אויפןווארט, אבער זיי מיינען גארנישט שלעכט"**.

## די קינדער הערן און כאפן אלעס אויף

מחנכים ארבעטן זייער שווער. אמאל ווען מען רעדט צו קינדער זעט עס אויס ווי מען רעדט צו די וואנט, ווייל מען זעט אז אפילו נאכן געבן א גאנצע דרשה איבער א געוויסן ענין, למשל אז מען טאר נישט טשעפען אנדערע, קריגן זיך די קינדער ווייטער כאילו מען האט קיינמאל נישט גערעדט דערפון.

מען דארף אבער וויסן אז אזוי גייט עס מיט קינדער: מען דארף רעדן און רעדן און נאכאמאל רעדן, און גלייבן אז די קינדער הערן און כאפן אלעס אויף, נאר עס נעמט צייט ביז מען הייבט עס אן צו דערקענען אויף זיי.

אלעס וואס מען לייגט אריין אין די קינדער, צום ביישפיל: אמונה, גוטע מדות, קדושת היסוד, און הלכות תפלה, וועלן זיי מיטנעמען מיט זיך אויף זייער גאנץ לעבן.

א גוטער מחנך וועט אויסלערנען פאר די קינדער די טייטש פון דאווענען, און ספעציעל די ברכות פון שמונה עשרה. מען קען דאס איינטיילן לויט די וואכן פונעם ווינטער זמן, אז יעדע וואך זאל מען לערנען דעם פירוש המילות פון א פרישע ברכה. עס נעמט בערך צען מינוט אויסצולערנען די טייטש פון איין ברכה, און דאס בלייבט ביי די קינדער לדורות, פאר זייער גאנץ לעבן.

איך קוק אויף מיר און איך זע ווי היינט טו איך זאכן וואס איך האב געהערט פון מיינע מלמדים; אנגעהויבן פון מיינע מלמדים אין נורסערי און קינדערגארטן ביז אלע מלמדים אין די העכערע כיתות. בשעת איך האב געלערנט ביי זיי, האב איך עס טאקע נאכנישט געטון, אבער יארן שפעטער האבן זייערע ווערטער גע'פועל'ט און געמאכט אז איך זאל עס אנהייבן צו טון.

דערפאר דארפן זיך די מחנכים מחזק זיין און רעדן צו די קינדער אפילו אויב מען זעט נישט קיין שום טויש ביי זיי אויפן מינוט. מען זאל זיי דערציילן מעשיות און מאכן פראגראמען איבער גוטע מדות וכדומה, און גלייבן אז אלע ווערטער גייען אריין אין זיי און איין טאג וועלן זיי עס אנהייבן אויסצופירן למעשה.

## עבודת החינוך איז נישט סתם א פרנסה

עבודת החינוך איז אנדערש פון סיי וועלכע אנדערע ארבעט. געוויינליך ווען א מענטש זוכט פרנסה, קען ער נעמען וועלכע ארבעט עס קומט אים נאר אונטער, אפילו אויב ער האט נישט קיין געפיל צו יענע סארט ארבעט. צום ביישפיל, מען קען גיין ארבעטן אין א פיש געשעפט, אפילו אויב מען האט נישט קיין שום ספעציעלע געפיל צו האקן קעפ און שניידן ווידלעך פון פיש; מען קען אויך גיין מסדר זיין באקסעס אין א מאגאזין

# הֶמְשֵׁךְ שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

(מַחְסַן), אֲפִילוּ אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד דֶערְצוּ. וַוייל דֶער עִיקָר צִיל פוּנֶעם אַרְבֶּעט אִיז בְּלוֹיז אַהֵיימְצוּבְּרֶענְגֶען גֶעלְט צוּ שְׁפַּייזְן דִי מִשְׁפָּחָה.

אָבֶּער - לְהַבְדִּיל - אֵיינֶער וָואס וִויל זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן חִינוּךְ, מוּז זַיין סְפֶּעצִיעֶל גֶעאֵייגְנְט דֶערְפַאר. מֶען דַארְף הָאבְּן אַ גֶעפִיל פַאר דִי קִינְדֶער אוּן פַארְשְׁטֵיין אַז זֵיי זֶענֶען נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, קִינְדֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז מֶען אַרְבֶּעט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

עֲבוֹדַת הַחִינוּךְ אִיז דָאךְ גָאר אָן אַנְדֶערֶע סָארְט אַרְבֶּעט; עֶס אִיז אַ הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, אוּן מֶען טְרָאגְט דֶעם זֶעלְבְּן טִיטְל וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַזוֹי וִוי מִיר זָאגְן בַּיי בִּרְכַּת הַתּוֹרָה: **"בָּרוּךְ אַתָּה ה', 'הַמְלַמֵּד' תּוֹרָה לְעַמּוֹ יִשְׂרָאֵל"**. דֶערְפַאר טָאר מֶען נִישְׁט אַרְבֶּעטְן מִיט קִינְדֶער אוֹיבּ דֶער צִיל אִיז בְּלוֹיז כְּדֵי אַהֵיימְצוּבְּרֶענְגֶען גֶעלְט צוּ שְׁפַּייזְן דִי מִשְׁפָּחָה.

### מְחַנְּכִים זֶענֶען מוֹרָא'דִיג טֵייעֶר אוּן הֵיילִיג

מְחַנְּכִים זֶענֶען דִי טֵייעֶרְסְטֶע אוּן חָשׁוּבְ'סְטֶע בַּיי כְּלַל יִשְׂרָאֵל; עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ עֶפֶּעס אַזוֹי הוֹיךְ אוּן הֵיילִיג וִוי אוֹיפְצִיעֶן אוּן מְחַנֵּךְ זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה פוּן לוּבְּלִין זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט זֵייעֶר מוֹרָא פוּן דִי מְחַנְּכִים, וַוייל זֵיי בּוֹיעֶן אוֹיף דִי קִינְדֶער צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶערְפַאר הָאט עֶר גֶעמַאכְט מֶען זָאל מְזַלְזֵל זַיין אִין מְחַנְּכִים אוֹיף דֶער וֶועלְט; מֶענְטְשְׁן זָאלְן אַרָאפְּקוּקְן אוֹיף זֵיי אוּן טְרַאכְטְן בַּיי זִיךְ: 'וָואס אִיז עֶר שׁוֹין? אַ מְלַמֵּד...' אוּן דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען וֶועט נִישְׁט אַיינְזֶען זֵייעֶר גְרוֹיסְקֵייט, וֶועט נִישְׁט זַיין אַזוֹי גְרִינְג צוּ טְרֶעפְן מְחַנְּכִים. אָבֶּער אוֹיבְן אִין הִימְל קוּקְט מֶען עֶס אָן גָאר אַנְדֶערְשׁ; דָארְט זֶענֶען זֵיי מוֹרָא'דִיג טֵייעֶר אוּן הֵיילִיג.

אַ מְחַנֵּךְ אִיז אַ רִיכְטִיגֶער 'מַנְהִיג יִשְׂרָאֵל' אוּן אַ רִיכְטִיגֶער 'רֶבִּי' - וָואס בַּיי אִים גֵייעֶן אָן אַלֶע הֲלָכוֹת פוּן 'כְּבוֹד רַבּוֹ' (שֻׁלְחָן עָרוּךְ יוֹרֶה דֵעָה, סִימָנִים רמב - רמד).

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דֶעם גְרוֹיסְן שְׂכַר וָואס וַוארְט אָפּ פַאר מְחַנְּכִים. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין לז.): **"כָּל הַמְקַיֵּים נֶפֶשׁ אַחַת מִיִּשְׂרָאֵל, מַעֲלֶה עָלָיו הַכָּתוּב כְּאִלּוּ קִיֵּים עוֹלָם מָלֵא"**, וֶוער עֶס רַאטֶעוֶועט אֲפִילוּ אֵיין אִיד, וֶוערְט עֶס גֶערֶעכְנְט וִוי עֶר הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ גַאנְצֶע וֶועלְט. דָאס מֵיינְט מֶען דִי מְחַנְּכִים; וַוייל זֵיי לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער וָואס זֶענֶען נָאכְנִישְׁט מְחוּיָּב מִיט מִצְוֹת אוּן זֶענֶען נָאכְנִישְׁט עֶרְוַואקְסְן, אוּן גְרֵייטְן זֵיי אָן אַז זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן דוּרְכְאוֹיס זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן.

# בְּרִיוֶון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## וִוי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען זִיךְ אַן עֵצָה מִיט אַ ווִילְד אִינְגְל?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כָּל וִויל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר אַייעֶרֶע הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּרִים וֶועלְכֶע הֶעלְפְן אוּנְז אַזוֹי שְׁטַארְק אַרוֹיס אִין לֶעבְּן.

מִיר הָאבְּן גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וֶועגְן אוּנְזֶער פִינְף יֶערִיג אִינְגְל. עֶס אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער אַיינְצוּזִיצְן סַיי אִינְדֶערְהֵיים אוּן סַיי אִין חֵדֶר, אוּן אוֹיךְ פְּרוּבִּירְט עֶר צוּ הֶערְשְׁן אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, אַרַיינְגֶערֶעכְנְט אוֹיף דִי עֶלְטֶערְן. וִוי אַזוֹי קֶענֶען מִיר זִיךְ אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט אִים? מִיר הָאבְּן שׁוֹין פְּרוּבִּירְט אַסַאךְ מִיט גוּטְנְס, אִים צוּ גֶעבְּן בַּאלוֹינוּנְגֶען אוּן דָאס גְלַייכְן וֶוען עֶר אִיז וואוֹיל, אָבֶּער גָארְנִישְׁט הָאט גֶעהָאלְפְן.

אוֹיךְ הָאט עֶר לִיבּ זִיךְ צוּ שְׁפִּילְן מִיט בַּעֲלֵי חַיִּים, הָאבְּן מִיר גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ עֶס אִיז כְּדַאי מִיר זָאלְן אִים שִׁיקְן צוּ אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען קֶען שְׁפִּילְן מִיט בַּעֲלֵי חַיִּים, וִוי צוּם בֵּיישְׁפִּיל הִינֶער אוּן קַאטְשְׁקֶעס אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן כֹּחַ וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין מִיט אַייעֶר הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י"ד טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

עֶלְטֶערְן וָואס ווִילְן זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער דַארְפְן אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, גוּטֶע קִינְדֶער קוּמְט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס; מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער, וַוייל חִינוּךְ אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין גְרִינְגֶע זַאךְ. חִינוּךְ אִיז זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדָה, מֶען דַארְף ווִיסְן ווִיפִיל צוּ זָאגְן אוּן ווִי אַזוֹי צוּ זָאגְן, ווִי שְׁטְרֶענְג מֶען דַארְף גֵיין וְכוּ'; אַז מֶען לֵייגְט אַרַיין כּוֹחוֹת אִין דִי קִינְדֶער, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַסַאךְ תְּפִלָּה, שְׁנַיידְט מֶען שְׁפֶּעטֶער שֵׁיינֶע פֵּירוֹת.

דָאס וָואס אִיר שְׁרַייבְּט: 'ווִיפִיל מִיר פְּרוּבִּירְן צוּ גֵיין מִיט גוּטְנְס וְכוּ' גֵייט עֶס נִישְׁט'; אַסַאךְ מָאל, וַוייל מֶען גֶעבְּט אַסַאךְ גוּטְס, דַוְקָא דָאס אִיז דִי סִיבָּה פַארְוָואס עֶס גֵייט נִישְׁט. מֶען דַארְף מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען יוּנְג - צוּ פָאלְגְן, וֶוען אַ קִינְד פָאלְגְט וָואס מֶען הֵייסְט אִים, קוּמְט אִים נָאךְ נִישְׁט דִי וֶועלְט פַאר דֶעם; וֶוען אַ קִינְד עֶסְט אוֹיף דִי נַאכְטְמָאל אָדֶער נֶעמְט צוּזַאמֶען דִי שְׁפִּילְצֵייג וְכוּ' קוּמְט אִים נָאךְ נִישְׁט פַאר דֶעם אַ בַּאלוֹינוּנְג, אַ קִינְד דַארְף מֶען מְחַנֵּךְ זַיין צוּ פָאלְגְן טַאטֶע מַאמֶע, וַוייל מֶען דַארְף פָאלְגְן, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין: 'אוֹיבּ וֶועסְטוּ פָאלְגְן...' אָדֶער: 'אוֹיבּ וֶועסְטוּ נִישְׁט פָאלְגְן...'

עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין פְּרָאבְּלֶעם אִים צוּ טְרָאגְן זֶען בַּעֲלֵי חַיִּים וְכוּ'; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כד.): עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ טְרוּקֶענִישׁ - עֶס הָאט נִישְׁט גֶערֶעגְנְט פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט, אַ פָּשׁוּט'עֶר אִיד אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם עָמוּד אוּן גְלַייךְ וֶוען עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "מַשִּׁיב הָרוּחַ, וּמוֹרִיד הַגֶּשֶׁם" - הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען גֵיין אַ גָאס רֶעגְן, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס זֶענֶען דִי גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּ טוּסְט?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד דַרְדְקֵי - אִיךְ לֶערְן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן אִיךְ מַאךְ נִישְׁט קַיין חִילוּק פוּן אַ קִינְד

# בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

וָואס דֶער טַאטֶע צָאלְט מִיר גֶעלְט אַז אִיךְ זָאל לֶערְנֶען מִיט אִים, אָדֶער אַ קִינְד וָואס דֶער טַאטֶע צָאלְט מִיר נִישְׁט; נָאךְ אַ מִנְהָג הָאבּ אִיךְ, אַז וֶוען אִיךְ זֶע אַ קִינְד וָואס וִויל נִישְׁט לֶערְנֶען, בִּין אִיךְ אִים מְשַׁחֵד. אִיךְ הָאבּ אִין שְׁטוּבּ אַ פִּישׁ טַאנְק, אוּן אִיךְ רֶעד אִים צוּ אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט לֶערְנֶען וֶועל אִיךְ אִים וַוייזְן דִי פִּישֶׁעלֶעךְ, בִּיז עֶר הוֹיבְּט אָן לֶערְנֶען". זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אַסַאךְ מָאל דַארְף מֶען מְשַׁחֵד זַיין קִינְדֶער מִיט בַּעֲלֵי חַיִּים וְכוּ' זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען פְלַייסִיג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עצתו אמונה חלק ג', מכתב ק"ע)

## וֶועלְכֶע מַעֲשִׂיוֹת אִיז גוּט צוּ דֶערְצֵיילְן פַאר קִינְדֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיר רֶעדְט אַסַאךְ פוּן דֶערְצֵיילְן סִפּוּרֵי צַדִּיקִים פַאר קִינְדֶער, סְפֶּעצִיֶעל אַזֶעלְכֶע מַעֲשִׂיוֹת וָואס מֶען קֶען נָאכְמַאכְן. אִיךְ וִויל אָבֶּער וִויסְן וואוּ מֶען קֶען טְרֶעפְן אַזֶעלְכֶע גוּטֶע מַעֲשִׂיוֹת פַאר קִינְדֶער. אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר מִיר אַרוֹיסְהֶעלְפְן?

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי-ב, כ"ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג פֶּסַח, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הַיינְט אִיז דָא אַ שֶׁפַע פוּן מַעֲשֶׂה בִּיכְלֶעךְ; עֶס אִיז דָא שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִּיקִים, אַזוֹי אוֹיךְ אִיז דָא שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים צַאמְגֶענוּמֶען פוּן אַלֶע מִדְרָשִׁים אוּן גְמָרוֹת וִוי אַזוֹי דִי הֵיילִיגֶע תַּנָּאִים אוּן אֲמוֹרָאִים הָאבְּן גֶעלֶעבְּט. אוֹיךְ אִיז דָא שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה טֶעיִפְּס וִוי עֶס וֶוערְט זֵייעֶר שֵׁיין דֶערְצֵיילְט מַעֲשִׂיוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים וִוי אַזוֹי זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט; וֶוען מֶען לֵיינְט דָאס אוּן מֶען הֶערְט דָאס וֶוערְט מֶען זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר צוּ עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רלה): "דַע שֶׁסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִצַּדִּיקִים, הַיְנוּ מִמַּה שֶּׁאֵרַע לָהֶם, הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד, וְעַל יְדֵי זֶה נִטְהָר מַחֲשַׁבְתּוֹ", עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִּיקִים, דָאס בְּרֶענְגְט אַז מֶען זָאל הָאבְּן אַ רֵיינֶעם מֹחַ; וַוייל וֶוען מֶען הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִּיק וִוי אַזוֹי עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט פַארְלוֹירְן וֶוען עֶר אִיז אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אַ שְׁוֶוערִיקֵייט, וֶוערְט דֶער מֹחַ רֵיין פוּן אַלֶע דַאֲגוֹת אוּן דִמְיוֹנוֹת וְכוּ' וְכוּ', מֶען הֵייבְּט אָן טְרַאכְטְן: 'עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי וֶועלְט', מֶען הֵייבְּט אָן זֶען אַז אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ אִיז נַארִישׁ, דָאס הֵייסְט אַז דֶער מֹחַ וֶוערְט אוֹיסְגֶעקְלָארְט. אָבֶּער דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם) מֶען דַארְף וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה; דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זֶען מֶען זָאל אַרוֹיס נֶעמֶען הִתְחַזְקוּת פוּן דִי מַעֲשֶׂה, אַז מִיר זָאלְן אוֹיךְ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי דִי צַדִּיקִים הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רמח): "דַע, שֶׁסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִצַּדִּיקִים, הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד", עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ הֶערְן מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִּיקִים, "כִּי עַל יְדֵי סִפּוּרִים מִצַּדִּיקִים, נִתְעוֹרֵר וְנִתְלַהֵב הַלֵּב בְּהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בְּחֵשֶׁק נִמְרָץ מְאֹד", וַוייל וֶוען מֶען הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִּיק וֶוערְט דָאס הַארְץ אוֹיפְגֶעפְלַאמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען בַּאקוּמְט אַ שְׁטַארְקֶע חֵשֶׁק צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען זֶעט צוּ וָואס דִי צַדִּיקִים הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען אִין זֵייעֶר לֶעבְּן.

מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן וָואס מֶען גֶעבְּט פַאר קִינְדֶער צוּ הֶערְן; לֵיידֶער זֶענֶען דָא זֵייעֶר אַסַאךְ טֶעיִפְּס פוּן לֵיצָנוּת בְּאִיצְטְלָא דְרַבָּנָן. עֶס זֶעט אוֹיס וִוי אַ הֵיימִישֶׁע מַעֲשֶׂה וְכוּ' אָבֶּער עֶס אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט סַם הַמָּוֶת; אֵיין שְׁטִיק לֵיצָנוּת פוּן יֶעדְן מִנְהָג אוּן פוּן צַדִּיקִים.

מֶען זֶעט אַז רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ הָאט אָנְגֶעזָאגְט זַיינֶע קִינְדֶער (פְּסָחִים קיב:): "אַל תָּדוּרוּ בְּשְׁכֶנְצִיב", אִיר זָאלְט נִישְׁט וואוֹינֶען אִין דִי שְׁטָאט שְׁכֶנְצִיב, וַוייל זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר גְרוֹיסֶע לֵצִים אוּן אִיר וֶועט וֶוערְן נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט נָאךְ זֵיי; זֶעט מֶען פוּן דֶעם וִוי הַארְבּ לֵיצָנוּת אִיז אוּן וִוי וַוייט אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן וואוּ עֶר וואוֹינְט, מִיט וֶועם עֶר חַבֶרְ'ט זִיךְ אוּן וָואס פַאר אַ מַעֲשִׂיוֹת אוּן דְרָשׁוֹת מֶען הֶערְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן קֶענֶען מְחַנֵךְ זַיין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן, אָמֵן.

...

(עצתו אמונה חלק ד', מכתב רצב)


**חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג**

אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב

צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך
פון דער ראש ישיבה שליט"א
אויף קול ברסלב
דרוקט: 1-2-4-2
- שמעו ותחי נפשכם -



צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: chinuchgilyon@gmail.com



**קוֹל בְּרֶסְלֶב**

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876